ב״ה

**חיים אורי הלוי עטנער**

אב״ד דעדת החרדים, וראש ישיבת מורי׳

*Rabbi Chaim J. Etner*

**PRINCIPAL RABBI OF ADATH HAREDIM**

**President "Moriah" University of Rabbinics**

**238 So. Detroit Street, Los Angeles, Calif. 90036**

# אַ פּאָר פראַגען צו
# הגאון ר׳ משה פיינשטיין שליט״א

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מודעה פון אגוה״ר און מיט אייער בריוו פון ג׳ משפטים תשל״ו אונטער דעם קעפל „להסיר מכשול״ אָפּגעדרוקט אין „אַלגעמיינעם זשורנאַל״, פרייטאַג דעם 13טן פעברואַר, ווייל איך אייך פרעגן די פאָלגענדע פראַגען :

1) ווי קומט עס אַז די מודעה איז אַרויסגעקומען גראָד איצט אין צייט ווען עס קומט פאָר דאָ אין געריכט אין לאָס אַנדזשעלעס אַ פּראָצעס פאַר „לייבל״ און אַנטשעדיגונג פון אַ היגער פּאָולטרי־פירמע געגען אַ ניו יאָרקער גרויסער פּאָולטרי קאָמפּאַני ?

2) פאַרוואָס שרייבט די אגודת הרבנים, אַז עס קומען פאָר „אַפּטע מכשולים״ בעת הרב פנחס טייך פון אגוה״ר האָט דאָ עדות געזאָגט אונטער אַ שבועה אַז עס נויטיגט זיך נישט מער אין קיין געזעץ פונ׳ם „סטעיט״ אין דער זאַך, ווייל די וואָס האָבן גענוצט וואַרימע וואַסער האָבן אויפגעהערט דאָס צו טאָן ?

3) פאַרוואָס האָט איר נאָכדעם ווי איר האָט מסכים געווען צו געבן אַ „דעפּאָזישאַן״ בנוגע דעם פּראָצעס, און איר האָט געהאַט באַשטימט אַ טאָג און אַן אָרט דערויף, ווען ביידע אַדוואָקאַטען זיינען געקומען פון לאָס אַנדזשעלעס קיין ניו יאָרק, זיך נישט באַוויזען צום „דעפּאָזישאָן״ און אפילו נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן ?

4) אַז מ׳טאָר נישט נוצען קיין שום צוגעוואַרעמטע וואַסער, וואָס פסקנט איר צו טאָן אין די ערטער פון קאַלטען קלימאַט וואו דער בית יוסף פסקנט, אַז מ׳ען מוז צוּוואַרעמען דאָס וואַסער און אַזוי פסקנט דער כנה״ג צו שטעלן דאָס וואַסער אויפ׳ן פייער און ר׳ עקיבא איגער קלערט, אז באם מ׳האט אגב נישט געטאן אין אפשר נישט פאַראַן קיין עצה צו כשר׳ן דאָס פלייש ? פסקנט איר קעגען דעם בית יוסף, כנה״ג, נודע ביהודה און ר״ע איגער ?

5) פאַרוואָס זייט איר מחמיר ביי וואַרימע וואַסער שאין היד סולדת בו, אין אַ כלי שני, וואו דער מחבר, דער רמ״א, דער ט״ז, דער ש״ך, דער פרי מגדים און דער ווילנער גאון זיינען אַלע מסכים, אַז ס׳איז מותר לכתחילה אָן שום חשש און ס׳איז דערויף ניטאָ קיין שום חולק ?...

מיט דרך ארץ,

**חיים אורי הלוי עטנער**

אב״ד דעדת החרדים בלאָס אַנדזשעלעס